7 שמעון דעם מצורעדיקנס הויז, איז צוגעקומען צו
אים אַ פֿרוי, וואָס האָט געהאַט אַן אַלאַבאַסטער
פֿלאַש מיט זער טייערן זאַלבאייל, און דעם האָט זי
אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ, ווען ער איז געזעסן
8 צום טיש. ווי אָבער די תּלמידים האָבן עס געזען,
זענען זיי געוואָרן בייז, און געזאָגט: צו וואָס דער
9 דאָזיקער שאָדן? וואָרום דאָס דאָזיקע האָט מען
געקענט טייער פֿאַרקויפֿן, און עס געבן צו אָרעמעלייט.
10 נאָר ישוע האָט עס באַמערקט, און האָט צו זיי
געזאָגט: וואָס פֿאַרשאַפֿט איר עגמת־נפֿש דער פֿרוי?
11 זי האָט דאָך מיר געטון אַ טובֿה! וואָרום די אָרעמע־
לייט האָט איר תּמיד ביי אייך, מיך אָבער האָט
12 איר נישט אַלעמאָל! וואָרום אויסגיסנדיק דעם
דאָזיקן זאַלבאייל אויף מיין גוף, האָט זי עס געטון
13 צו מיין קבורה. באמת זאָג איך אייך: וואו נאָר די
דאָזיקע גוטע בשורה וועט אויסגערופֿן ווערן אין
דער גאַנצער וועלט, וועט מען אויך זאָגן, וואָס זי
האָט געטון, איר לזכּרון!

14 דעמאָלט איז געגאַנגען איינער פֿון די צוועלף,
וואָס האָט געהייסן יהודה איש קריות, צו די הויפּט־
15 כּהנים, און האָט געזאָגט: וואָס ווילט איר מיר געבן,
ווען איך וועל אים איבערגעבן צו אייך? און זיי
האָבן אים אָפּגעוואויגן דרייסיק שטיק זילבער.
16 און פֿון דעמאָלט אָן האָט ער געזוכט אַ גוטע געלעגנ־
הייט, כּדי ער זאָל אים פֿאַרראַטן.

17 און דעם ערשטן טאָג פֿון חג המצות זענען די
תּלמידים צוגעגאַנגען צו ישוען, אַזוי צו זאָגן: וואו
ווילסטו זאָלן מיר צוגרייטן פֿאַר דיר צו עסן דאָס
18 קרבן פּסח? און ער האָט געזאָגט: גייט אין דער
שטאָט אַריין צו דעם און דעם, און זאָגט צו אים:
דער רבי זאָגט: מיין צייט איז נאָענט; ביי דיר וויל